# תּורה נבֿיאים וכתובֿים
# תּרגום יידיש פֿון יהואש
# רות

/1:1 און עס איז געווען אין די טעג וואָס די שופֿטים האָבן געהערשט, איז געווען אַ הונגער אין לאַנד. און אַ מאַן איז
געגאַנגען פֿון בית-לֶחֶם-יהודה זיך אויפֿצוהאַלטן אין פֿעלד פֿון מואָבֿ, ער מיט זייַן ווייַב און זייַנע צוויי זין. /1:2 און דער
נאָמען פֿון דעם מאַן איז געווען אֶלימֶלֶך, און דער נאָמען פֿון זיין ווייַב נָעֳמי, און דער נאָמען פֿון זייַנע צוויי זין מַחלוֹן
און כִּליוֹן – אֶפֿרָתער פֿון בית-לֶחֶם-יהודה. און זיי זייַנען געקומען אין פֿעלד פֿון מואָבֿ, און זייַנען דאָרטן געווען.

/1:3 איז געשטאָרבן אֶלימֶלֶך, נָעמיס מאַן, און זי איז איבערגעבליבן, מיט אירע צוויי זין. /1:4 און זיי האָבן גענומען
מואָבֿער ווייַבער: דער נאָמען פֿון איינער איז געווען עָרפָּה און דער נאָמען פֿון דער צווייטער רות. און זיי זייַנען דאָרטן
געזעסן אַרום צען יאָר.

/1:5 און זיי ביידע, מַחלוֹן און כִּליוֹן, זייַנען געשטאָרבן, און די פֿרוי איז געבליבן פֿאַרעלנדט פֿון אירע ביידע קינדער
און איר מאַן. /1:6 און זי איז אויפֿגעשטאַנען מיט אירע שניר, און האָט זיך אומגעקערט פֿון פֿעלד פֿון מואָבֿ, וואָרום זי
האָט געהערט אין פֿעלד פֿון מואָבֿ אַז גאָט האָט געדאַכט אָן זייַן פֿאָלק, זיי צו געבן ברויט. /1:7 און זי איז אַרויס פֿון דעם
אָרט וואָס זי איז דאָרטן געווען, און אירע ביידע שניר מיט איר, און זיי זייַנען געגאַנגען אין וועג, כּדי זיך אומצוקערן
צום לאַנד יהודה.

/1:8 האָט נָעמי געזאָגט צו אירע ביידע שניר: גייט קערט אייַך אום איטלעכע צו איר מוטערס הויז. /1:9 זאָל גאָט טאָן
מיט אייַך חסד אַזוי ווי איר האָט געטאָן מיט די געשטאָרבענע און מיט מיר. זאָל אייַך גאָט געבן איר זאָלט געפֿינען מנוחה
איטלעכע אין הויז פֿון איר מאַן.

און זי האָט זיי געקושט; און זיי האָבן אויפֿגעהויבן זייער קָול און האָבן געוויינט. /1:10 און זיי האָבן צו איר געזאָגט: ניין,
נייַערט מיר וועלן מיט דיר זיך אומקערן צו דייַן פֿאָלק. /1:11 האָט נָעמי געזאָגט: קערט אייַך אום, טעכטער מייַנע, צו
וואָס זאָלט איר גיין מיט מיר? האָב איך דען נאָך זין אין מייַן לייַב, אַז זיי זאָלן אייַך ווערן פֿאַר מאַנען? /1:12 קערט אייַך
אום, טעכטער מייַנע, גייט, וואָרום איך בין צו אַלט צו האָבן אַ מאַן; לאָמיך שוין זאָגן, איך האָב אַ האָפֿענונג, איך זאָל
נאָך די נאַכט האָבן אַ מאַן, און זאָל אויך געבערן זין, /1:13 וועט איר דען אויף זיי אויסקוקן ביז זיי וועלן גרויס ווערן?
וועט איר צוליב זיי בלייַבן זיצן ניט צו נעמען קיין מאַן? ניין, טעכטער מייַנע! וואָרום מיר איז פֿיל ביטערער פֿון אייַך,
ווייַל גאָטס האַנט איז אויסגעגאַנגען אויף מיר.

/1:14 האָבן זיי אויפֿגעהויבן זייער קָול און האָבן ווידער געוויינט. און עָרפָּה האָט זיך צעקושט מיט איר שוויגער, אָבער
רות האָט זיך באַהעפֿט אָן איר. /1:15 האָט זי געזאָגט: זע, דייַן שוועגערין האָט זיך אומגעקערט צו איר פֿאָלק און צו איר
גאָט; קער זיך אום נאָך דייַן שוועגערין. /1:16 האָט רות געזאָגט: זאָלסט מיך ניט בעטן דיך צו פֿאַרלאָזן, זיך אומצוקערן
פֿון הינטער דיר, וואָרום וווּהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, און ווו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן; דייַן פֿאָלק
איז מייַן פֿאָלק, און דייַן גאָט איז מייַן גאָט. /1:17 ווו דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן, און דאָרטן וועל איך
באַגראָבן ווערן. זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער! נאָר דער טויט וועט פֿאַנאַנדערשיידן צווישן מיר און צווישן דיר.

/1:18 און זי האָט געזען, אַז זי האַלט זיך פֿעסט צו גיין מיט איר, און זי האָט אויפֿגעהערט זי אָפּצורעדן. /1:19 און זיי
זייַנען ביידע געגאַנגען ביז זיי זייַנען געקומען קיין בית-לֶחֶם. און עס איז געווען, ווי זיי זייַנען אָנגעקומען קיין בית-לֶחֶם,
אַזוי האָט די גאַנצע שטאָט געטומלט מיט זיי, און די ווייַבער האָבן געזאָגט: איז דאָס נָעמי? /1:20 האָט זי צו זיי געזאָגט:
איר זאָלט מיך ניט רופֿן נָעמי, רופֿט מיך מָרָה, וואָרום דער אַלמאַכטיקער האָט מיר זייער פֿאַרביטערט. /1:21 אַ פֿולע
בין איך אַרויסגעגאַנגען, און ליידיק האָט מיך גאָט אומגעקערט. נאָך וואָס רופֿט איר מיך נָעמי, אַז גאָט איז מייַן קלעגער
געוואָרן, און דער אַלמאַכטיקער האָט מיר שלעכטס געטאָן.

/1:22 אַזוי האָט זיך אומגעקערט נָעמי, און איר שנור רות די מואָבֿערין מיט איר, די וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דעם
פֿעלד פֿון מואָבֿ. און זיי זייַנען אָנגעקומען אין בית-לֶחֶם אין אָנהייב גערשטנשניט.

/2:1 און נָעמי האָט געהאַט איר מאַנס אַ קרובֿ, אַ ווילפֿאַרמעגלעכן מאַן פֿון אֶלימֶלֶכס משפּחה, וואָס זײַן נאָמען איז געווען בוֹעַז.

/2:2 און רות די מואָבֿערין האָט געזאָגט צו נָעמין: לאָמיך גיין, איך בעט דיך, אין פֿעלד, און איך וועל אויפֿקלײַבן זאַנגען הינטער דעם וואָס איך וועל געפֿינען לײַטזעליקײַט אין זײַנע אויגן. האָט זי געזאָגט צו איר: גיי, מײַן טאָכטער.

/2:3 איז זי אַוועק, און איז געקומען און האָט געקליבן אין פֿעלד הינטער די שניטערס, און אויף איר טראַף האָט זיך געטראָפֿן דאָס שטיק פֿעלד פֿון בוֹעַזן וואָס פֿון אֶלימֶלֶכס משפּחה. /2:4 ערשט בוֹעַז איז אָנגעקומען פֿון בית-לֶחֶם, און האָט געזאָגט צו די שניטערס: גאָט מיט אײַך! און זיי האָבן צו אים געזאָגט: בענטשן זאָל דיך גאָט! /2:5 האָט בוֹעַז געזאָגט צו זײַן יונג וואָס איז געשטאַנען איבער די שניטערס: וועמעס איז די דאָזיקע יונגע פֿרוי? /2:6 האָט געענטפֿערט דער יונג וואָס איז געשטאַנען איבער די שניטערס, און האָט געזאָגט: דאָס איז אַ יונגע פֿרוי אַ מואָבֿערין, וואָס האָט זיך אומגעקערט מיט נָעמין פֿון דעם פֿעלד פֿון מואָבֿ; /2:7 און זי האָט געזאָגט: לאָמיך קלײַבן, איך בעט דיך, און אויפֿזאַמלען צווישן די גאַרבן הינטער די שניטערס; און זי איז געקומען און איז געשטאַנען פֿון זינט פֿרימאָרגן אַזש ביז אַצונד; דאָס בלײַבן אירס אין דער היים איז בלויז געווען אַ ווײַלע. /2:8 האָט בוֹעַז געזאָגט צו רותן: פֿאַר וואָר, דו הערסט, מײַן טאָכטער? זאָלסט ניט גיין קלײַבן אין אַן אַנדער פֿעלד, און זאָלסט אויך ניט אַוועקגיין פֿון דאַנען; נאָר דאָ זאָלסטו זיך האַלטן מיט מײַנע מיידלעך. /2:9 דײַנע אויגן זאָלן זײַן אויף דעם פֿעלד וואָס זיי שנײַדן, און זאָלסט גיין הינטער זיי. פֿאַר וואָר, איך האָב באַפֿוילן די יונגען, דיך ניט אָנצורירן; און אַז דיר וועט דאָרשטן, זאָלסטו גיין צו די כּלים, און טרינקען פֿון וואַנען די יונגען שעפּן.

/2:10 איז זי געפֿאַלן אויף איר פּנים, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד, און האָט צו אים געזאָגט: פֿאַר וואָס האָב איך געפֿונען לײַטזעליקײַט אין דײַנע אויגן, מיך צו דערקענען, אַז איך בין אַ פֿרעמדע? /2:11 האָט בוֹעַז געענטפֿערט און האָט צו איר געזאָגט: דערציילן איז מיר דערציילט געוואָרן אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן מיט דײַן שוויגער נאָך דײַן מאַנס טויט, און אַז דו האָסט פֿאַרלאָזן דײַן פֿאָטער און דײַן מוטער, און דאָס לאַנד פֿון דײַן געבאָרנשאַפֿט, און ביסט געגאַנגען צו אַ פֿאָלק וואָס דו האָסט ניט געקענט פֿון נעכטן-אײערנעכטן. /2:12 זאָל גאָט באַצאָלן דײַן טוונג, און דײַן שׂכר זאָל זײַן פֿאַרפֿול פֿון י״ דעם גאָט פֿון ישׂראל, וואָס דו ביסט געקומען זיך באַשיצן אונטער זײַנע פֿליגלען. /2:13 האָט זי געזאָגט: לאָמיך געפֿינען לײַטזעליקײַט אין דײַנע אויגן, מײַן האַר! ווײַל דו האָסט מיך געטרייסט, און ווײַל דו האָסט גערעדט צום האַרצן פֿון דײַן דינסט, און איך בין צו מאָל ניט ווי איינע פֿון דײַנע דינסטן. /2:14 האָט בוֹעַז צו איר געזאָגט: אין דער צײַט פֿון עסן, גענען אַהער, און וועסט עסן פֿון דעם ברויט, און וועסט אײַנטונקען דײַן ביסן אין זויערס.

און זי איז געזעסן בײַ דער זײַט פֿון די שניטערס, און מע האָט איר דערלאַנגט געברעגטע זאַנגען, און זי האָט געגעסן און איז זאַט געוואָרן, און האָט נאָך איבערגעלאָזן. /2:15 און ווי זי איז אויפֿגעשטאַנען צו קלײַבן, האָט בוֹעַז באַפֿוילן זײַנע יונגען, אַזוי צו זאָגן: אויך צווישן די גאַרבן זאָל זי קלײַבן, און איר זאָלט זי ניט פֿאַרשעמען. /2:16 און אויך אַרויסציען פֿון די בינטלעך זאָלט איר פֿאַר איר אַרויסציען, און איבערלאָזן, אַז זי זאָל אויפֿקלײַבן; און איר זאָלט ניט אָנשרײַען אויף איר.

/2:17 און זי האָט געקליבן אין פֿעלד ביז אָוונט, און זי האָט אויסגעקלאַפּט וואָס זי האָט אָנגעקליבן, און עס איז געווען אַרום אַן אֵיפָה גערשטן. /2:18 און זי האָט עס גענומען און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטאָט. און איר שוויגער האָט געזען וואָס זי האָט אָנגעקליבן, אויך האָט זי אַרויסגענומען און איר געגעבן וואָס זי האָט איבערגעלאָזן נאָך איר זעט. /2:19 האָט איר שוויגער צו איר געזאָגט: ווו האָסטו געקליבן הײַנט, און ווו האָסטו געאַרבעט? געבענטשט זאָל זײַן דער וואָס האָט זיך אומגעקוקט אויף דיר! האָט זי דערציילט איר שוויגער בײַ וועמען זי האָט געאַרבעט, און זי האָט געזאָגט: דער נאָמען פֿון דעם מאַן וואָס איך האָב בײַ אים הײַנט געאַרבעט, איז בוֹעַז. /2:20 האָט נָעמי געזאָגט צו איר שנור: געבענטשט זאָל ער זײַן פֿון גאָט, וואָס האָט ניט פֿאַרלאָזן זײַן חסד מיט די לעבעדיקע און מיט די טויטע! און נָעמי האָט צו איר געזאָגט: דער מאַן איז אונדזערער אַ נאָנטער, ער איז פֿון אונדזערע אויסלייזער. /2:21 האָט רות די מואָבֿערין געזאָגט: ער האָט מיר אויך אָנגעזאָגט: לעבן די יונגען וואָס בײַ מיר זאָלסטו זיך האַלטן, ביז וואַנען זיי וועלן ענדיקן דעם גאַנצן שניט וואָס בײַ מיר. /2:22 האָט נָעמי געזאָגט צו רות איר שנור: עס איז גוט, מײַן טאָכטער, אַז דו זאָלסט אַרויסגיין מיט זײַנע מיידלעך, און מע זאָל דיך ניט אָנטרעפֿן אין אַן אַנדער פֿעלד.

/2:23 און זי האָט זיך געהאַלטן אָן בוֹעַזעס מיידלעך, צו קלײַבן ביז צום סָוף פֿון גערשטנשניט און ווייצשניט. און זי איז געזעסן בײַ איר שוויגער.

/3:1 און נָעמי איר שוויגער האָט צו איר געזאָגט: מײַן טאָכטער, זאָל איך דיר ניט אויפֿזוכן אַן אָפּרו וואָס זאָל גוט זײַן

פֿאַר דיר? /3:2 און אַצונד, איז ניט בֹּעַז אונדזערער אַ קרוב – דער וואָס דו ביסט געווען מיט זײַנע מיידלעך? אָט ווינטשופֿלט ער די נאַכט דעם שײַער גערשטן. /3:3 זאָלסטו זיך אַרומוואַשן און באַזאַלבן, און אָנטאָן אויף דיר דײַנע קליידער, און אַראָפּנידערן צום שײַער; זאָלסט זיך ניט לאָזן מערקן פֿון דעם מאַן, ביז ער האָט געענדיקט עסן און טרינקען. /3:4 און עס וועט זײַן ווי ער וועט זיך לייגן, אַזוי זאָלסטו מערקן דעם אָרט וואָס ער וועט זיך דאָרטן לייגן, און זאָלסט צוקומען און אָפּדעקן זײַן צופֿוסן, און זיך אַוועקלייגן; און ער וועט דיר זאָגן וואָס דו זאָלסט טאָן. /3:5 האָט זי צו איר געזאָגט: אַלץ וואָס דו זאָגסט מיר וועל איך טאָן.

/3:6 און זי האָט אַראָפּגענידערט צום שײַער, און האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס איר שוויגער האָט איר געהייסן. /3:7 און בֹּעַז האָט געגעסן און געטרונקען, און זײַן האַרץ איז געווען פֿריילעך, און ער איז געגאַנגען זיך לייגן אין עק פֿון דעם תּבֿואה-הויפֿן. איז זי צוגעקומען שטילערהייט, און האָט אָפּגעדעקט זײַן צופֿוסן, און האָט זיך געלייגט. /3:8 און עס איז געווען אין האַלבע נאַכט, האָט דער מאַן אויפֿגעציטערט, און ער האָט זיך אויסגעדרייט, ערשט אַ פֿרוי ליגט אים צו פֿוסן. /3:9 האָט ער געזאָגט: ווער ביסטו? האָט זי געזאָגט: איך בין רות דײַן דינסט; און זאָלסט אויסשפּרייטן דײַן ברעג קלייד איבער דײַן דינסט, וואָרום אַן אויסלייזער ביסטו. /3:10 האָט ער געזאָגט: געבענטשט זאָלסטו זײַן פֿון גאָט, מײַן טאָכטער; דײַן לעצטע גוטסקייט האָסטו נאָך שענער געטאָן פֿון דער ערשטער, ניט צו גיין נאָך די בחורים, צי אָרים צי רײַך. /3:11 און אַצונד, מײַן טאָכטער, זאָלסטו ניט מורא האָבן; אַלץ וואָס דו וועסט זאָגן, וועל איך דיר טאָן, וואָרום דער גאַנצער טויער פֿון מײַן פֿאָלק ווייס אַז דו ביסט אַ ווילע פֿרוי. /3:12 און אַצונד, יאָ אמת, אַז אַן אויסלייזער בין איך, אָבער פֿאַראַן אַן אויסלייזער נענטער פֿון מיר. /3:13 בלײַב די נאַכט, און עס וועט זײַן אין דער פֿרי, אויב ער וועט דיך אויסלייזן, איז גוט, זאָל ער אויסלייזן; אויב אָבער ער וועט דיך ניט וועלן אויסלייזן, וועל איך דיך אויסלייזן, אַזוי ווי גאָט לעבט! ליג ביז אין דער פֿרי.

/3:14 איז זי געלעגן בײַ אים צו פֿוסן ביז באַגינען, און זי איז אויפֿגעשטאַנען איידער איינער האָט געקענט דערקענען דעם אַנדערן; וואָרום ער האָט געזאָגט: עס זאָל ניט דערוווּסט ווערן אַז די פֿרוי איז געקומען אין שײַער.

/3:15 און ער האָט געזאָגט: גיב אַהער דאָס טוך וואָס אויף דיר, און האַלט עס צו. האָט זי עס צוגעהאַלטן, און ער האָט אַרײַנגעמאָסטן זעקס מאָס גערשטן, און אַרויפֿגעטאָן אויף איר. און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטאָט.

/3:16 און זי איז געקומען צו איר שוויגער, האָט זי געזאָגט: ווי איז דאָס מיט דיר, מײַן טאָכטער? האָט זי איר דערציילט אַלץ וואָס דער מאַן האָט צו איר געטאָן. /3:17 און זי האָט געזאָגט: די זעקס מאָס גערשטן האָט ער מיר געגעבן, ווײַל ער האָט צו מיר געזאָגט: זאָלסט ניט קומען מיט ליידיקן צו דײַן שוויגער. /3:18 האָט זי געזאָגט: זיץ, מײַן טאָכטער, ביז וואַנען וועסט וויסן ווי די זאַך וועט אויספֿאַלן, וואָרום דער מאַן וועט ניט רוען, ביז ער האָט געענדיקט די זאַך הײַנט.

/4:1 און בֹּעַז איז אַרויפֿגעגאַנגען צום טויער, און האָט זיך דאָרטן געזעצט, ערשט דער אויסלייזער פֿון וועמען בֹּעַז האָט גערעדט, גייט פֿאַרבײַ. האָט ער געזאָגט: קום אַהער זעץ זיך דאָ, דער און דער. איז ער צוגעקומען און האָט זיך געזעצט.

/4:2 און ער האָט גענומען צען מענטשן פֿון די עלטסטע פֿון שטאָט, און ער האָט געזאָגט: זעצט אײַך דאָ. און זיי האָבן זיך געזעצט. /4:3 האָט ער געזאָגט צום אויסלייזער: נָעמי וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון פֿעלד פֿון מואָבֿ, פֿאַרקויפֿט דאָס שטיק פֿעלד וואָס האָט געהערט צו אונדזער ברודער, צו אֶלימֶלֶכן. /4:4 האָב איך געקלערט: איך וועל אַנטפּלעקן דײַן אויער, אַזוי צו זאָגן: קויף עס אַנטקעגן פֿאַר די וואָס זיצן דאָ, און אַנטקעגן פֿאַר די עלטסטע פֿון מײַן פֿאָלק. אויב דו ווילסט אויסלייזן, לייז אויס! אויב אָבער מע וועט ניט אויסלייזן, זאָג מיר, כּדי איך זאָל עס וויסן, וואָרום ניטאָ קיינער אַחוץ דיר אויסצולייזן, און איך בין נאָך דיר. האָט ער געזאָגט: איך וועל אויסלייזן. /4:5 האָט בֹּעַז געזאָגט: אין דעם טאָג וואָס דו קויפֿסט דאָס פֿעלד פֿון נָעמיס האַנט, און פֿון רות דער מואָבֿערין, האָסטו געקויפֿט די ווײַב פֿון דעם געשטאָרבענעם, כּדי אויפֿצושטעלן דעם נאָמען פֿון דעם געשטאָרבענעם אויף זײַן נחלה. /4:6 האָט דער אויסלייזער געזאָגט: איך קען עס ניט אויסלייזן פֿאַר מיר, וואָרום איך וועל נאָך פֿאַרדאַרבן מײַן אייגענע נחלה. לייז דיר דו אויס וואָס איך דאַרף אויסלייזן, וואָרום איך קען ניט אויסלייזן.

/4:7 און אַזוי איז געווען פֿאַרצײַטן אין ישׂראל: בײַ אַן אויסלייז אָדער בײַ אַן אויסבײַט, צו באַפֿעסטיקן עפּעס אַ זאַך, האָט איינער אַראָפּגעצויגן זײַן שוך און געגעבן דעם אַנדערן. און דאָס איז געווען צום עדות אין ישׂראל.

/4:8 האָט דער אויסלייזער געזאָגט צו בֹּעַזן: קויף עס דיר. און ער האָט אַראָפּגעצויגן זײַן שוך. /4:9 און בֹּעַז האָט געזאָגט צו די עלטסטע, און צו דעם גאַנצן פֿאָלק: איר זײַט עדות הײַנט, אַז איך האָב אָפּגעקויפֿט אַלץ וואָס האָט געהערט צו אֶלימֶלֶכן, און אַלץ וואָס האָט געהערט צו כִּליונען און מַחלונען, פֿון נָעמיס האַנט. /4:10 און אויך רות די

מואָבֿערין, מַכלונס װײַב, האָב איך געקויפֿט מיר פֿאַר אַ װײַב, כּדי אױפֿצושטעלן דעם נאָמען פֿון דעם געשטאָרבענעם
אױף זײַן נחלה, אַז דער נאָמען פֿון דעם געשטאָרבענעם זאָל ניט פֿאַרשניטן װערן פֿון צװישן זײַנע ברידער, און פֿון דעם
טױער פֿון זײַן אָרט; איר זײַט עדות הײַנט. ‎4:11/ האָט געזאָגט דאָס גאַנצע פֿאָלק װאָס אין טױער, און די עלטסטע: עדות!
גאָט זאָל געבן אַז די װײַב װאָס קומט אָן אין דײַן הױז, זאָל זײַן אַזױ װי רחל און אַזױ װי לאה װאָס זײ בײדע האָבן
אױפֿגעבױט דאָס הױז פֿון ישׂראל! און טו אױף העלדישקײט אין אֶפֿרָת, און האָב אַ באַרופֿענעם נאָמען אין בית-לֶחֶם!
‎4:12/ און דײַן הױז זאָל זײַן אַזױ װי דאָס הױז פֿון פֶּרֶצן װאָס תָּמָר האָט געבאָרן יהודהן, פֿון דעם זאָמען װאָס גאָט װעט
דיר געבן פֿון דער דאָזיקער יונגער פֿרױ!

‎4:13/ און בוֹעַז האָט גענומען רותן, און זי איז אים געװאָרן פֿאַר אַ װײַב, און ער איז צו איר געקומען, און גאָט האָט איר
געגעבן טראָגשאַפֿט, און זי האָט געבאָרן אַ זון. ‎4:14/ האָבן די װײַבער געזאָגט צו נָעמִין: געלױבט איז גאָט װאָס ער האָט
דיך הײַנט ניט געלאָזן אָן אַן אױסלײזער, און זאָל זײַן נאָמען זײַן באַרופֿן אין ישׂראל! ‎4:15/ און ער זאָל דיר זײַן פֿאַר אַ
דערקװיקער פֿון דער זעל, און אױף אױסצוהאַלטן דײַן עלטער װאָרום דײַן שנור װאָס האָט דיך ליב, האָט אים געבאָרן,
װאָס זי איז דיר בעסער װי זיבן זין.

‎4:16/ און נָעמִי האָט גענומען דאָס קינד, און האָט עס אַרײַנגעטאָן אין איר בוזעם, און זי איז אים געװען פֿאַר אַ
דערציערין. ‎4:17/ און די שכנות האָבן אים געגעבן אַ נאָמען, אַזױ צו זאָגן: אַ זון איז געבאָרן געװאָרן בײַ נָעמִין; און זײ
האָבן גערופֿן זײַן נאָמען עוֹבֵד. דאָס איז דער פֿאָטער פֿון יִשַׁי דעם פֿאָטער פֿון דודן.

‎4:18/ און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון פֶּרֶצן: פֶּרֶץ האָט געבאָרן חֶצרוֹנען; ‎4:19/ און חֶצרוֹן האָט געבאָרן רָמען, און רָם
האָט געבאָרן עַמִינָדָבן; ‎4:20/ און עַמִינָדָב האָט געבאָרן נַחשוֹנען, און נַחשוֹן האָט געבאָרן שַׂלמָהן; ‎4:21/ און שַׂלמוֹן האָט
געבאָרן בוֹעַזן, און בוֹעַז האָט געבאָרן עוֹבֵדן; ‎4:22/ און עוֹבֵד האָט געבאָרן יִשַׁין, און יִשַׁי האָט געבאָרן דודן.

Translation by Solomon "Yehoyesh" (Yehoash) Blumgarten (1870-1927) <http://en.wikipedia.org/wiki/Yehoash_%28Blumgarten%29> as published in /Torah, Nevi'im, u-Khetuvim/ (New York: Yeho'ash Farlag Gezelshaft, 1941), and available from the Internet Archive <http://www.archive.org/details/nybc200109>. This work resides in the Public Domain.

Transcribed by Itsik "Robert" Goldenberg <http://yiddish.haifa.ac.il/Visuals/Itsik.htm>, et al, by the Yehoyesh Project <http://yiddish.haifa.ac.il/texts/yehoyesh/welcome.htm> (1998-2006) under the direction of Leonard Prager (1925-2008) <http://yiddish.haifa.ac.il/tmr/tmr12/tmr12022.htm>. This transcription does not include Yehoyesh's footnotes. Yiddish orthography follows /Takones Fun Yidishn oysleyg/ (6th ed., New York: YIVO, 1999).

Distributed by the Open Siddur Project <http://opensiddur.org> in accord with STML transcription rules <http://wiki.jewishliturgy.org/Transcription_Rules> under a Creative Commons Zero Public Domain dedication <http://creativecommons.org/publicdomain/zero/1.0/>. The Open Siddur Project thanks Itsik Goldenberg and the Prager family for their support in releasing this edition of the Yehoyesh Project's transcription of Yehoyesh's Yiddish translation of the Tanakh.